בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

**ע"ב**


מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

אחרי קדושים - שנת תשל"ה

מיר דארפן וויסן אונזערע אייגענע כחות.......................2

דורך הייליגע דיבורים ווערט מען ניצול פון תאוות רעות ......................................................................................3

אז עס פעלט ביי דיר א נקודה - נעם עס פון יענעם.........4

מקבלים און נישט קיין נותנים........................................6

דורך אמונת חכמים איז יעדע קלייניקייט גאר גרויס.....7

הסתלקות רבי נחמן טולטשינער זצ"ל...........................9

דורך פגם הברית פארלירט מען דעם קול...................10

דורך שמירת הברית - איז מען זוכה צו בענקעניש צו השי"ת......................................................................12

דורך השתוקקות צו השי"ת שיינט דאס געלט און האט א קיום.........................................................................13

פרשת נשא - שנת תשל"ה

בַציצית או בְציצית..........................................................16

נישט טשעפען א סעיף קטן אין שולחן ערוך................17

מען קען זיין א חסיד מיט אלע נוסחאות התפילה........17

צעברעכן מדות רעות – קומט פאר נוסח.......................18

בעטן השי"ת אויף יעדער איינציגער זאך......................20

די ראדזינער תכלת - אמאל און היינט...........................22

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 72

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$

עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# ~ אחרי קדושים - שנת תשל"ה ~

(שיעור בבית מדרשינו בלקוטי מוהר"ן בין מנחה למעריב)
(טייפ מס. 77#)

## מיר דארפן וויסן אונזערע אייגענע כחות

דער רבי זאגט טאקע (בשיר נעים, בתחילת לקוטי מוהר"ן), **"דו זאלסט נישט זיין אזוי ווי א פיל"**[א] **וועלכער ווייס נישט פון זיין כח"**, מיר האבן א געוואלדיגן כח, מיר האבן א כח אין זיך, אז מיר זאלן עס אויסנוצן קען מען זיך ראטעווען פון אלע תאוות רעות, פון אלע מידות רעות, און האבן נאר אהבה דקדושה צום אויבערשטן, האבן א בענקאכטס צום אויבערשטן, אזא כח האבן מיר[ב]! נאר וואס דען, מען דארף עס אויסנוצן, עס ליגט אוועקגעלייגט אין דער זייט - תורה מונחת בקרן זוית[ג], די תורה ליגט אין א ווינקעלע און שוין, און מיר טוהען וואס מיר ווילן.

דאס האט טאקע דער אדלער געזאגט צו זיי, הערט אויף צו זיין ארימעלייט, נוצט מיט אייערע אוצרות![ד] מיר האבן ברוך השם אזעלכע אוצרות ביים רבי'ן וואלטן מיר געקענט זיין אנשים כשרים, אזעלכע אנשים כשרים אזוי ווי דער רבי האט געוואלט! נאר וואס דען? מיר זאלן נישט זיין קיין שלימזל'ניקעס, נוצט! נוצט!

---

[א] וז"ל שם: **חֲזַק וְנִתְחַזֵּק. וְאַל תִּהְיֶה כַּפִּיל הַגָּדוֹל. וְכַגָּמָל שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁמָּשְׁכֵהוּ בְּחָטְמוֹ הָעַכְבָּר לֹא יִבְעַט בּוֹ. וְכָל זֶה מֵחֲמַת שְׁטוּת שֶׁאֵין יוֹדֵעַ מִכֹּחוֹ:**

[ב] עי' שיחות הר"ן נ"א, וז"ל שם בא"ד: **וְהַשֵּׂכֶל שֶׁל הָאָדָם יָכוֹל לַעֲמֹד כְּנֶגֶד כָּל הַתַּאֲוֹות... וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁכְּבָר נִמְשַׁךְ אַחַר תַּאֲוֹות עוֹלָם הַזֶּה וְעָבַר מַה שֶּׁעָבַר, וְנִפְגַּם שִׂכְלוֹ וְנִתְבַּלְבֵּל וְנִתְמַעֵט, אַף־עַל־פִּי־כֵן בִּמְעַט מְעַט שֵׂכֶל הַנִּשְׁאָר יָכוֹל גַּם־כֵּן לַעֲמֹד! וַאֲפִלּוּ נְקֻדָּה אַחַת מִן הַשֵּׂכֶל יְכוֹלָה לַעֲמֹד כְּנֶגֶד כָּל הָעוֹלָם עִם הַתַּאֲווֹת!.** ועי' לקוטי הלכות, ברכת הריח ד' אות א'.

[ג] עי' קידושין ס"ו ע"א.

[ד] ביטוי לשון ע"פ ספר סיפורי מעשיות מעשה י"ג, אצל יום הראשון של הבעטליר העוור.

# דורך הייליגע דיבורים ווערט מען ניצול פון תאוות רעות

הײנט רעדט דער רבי דא פון דעם דיבור (לומד בתורה ל"ד אות ג') דער ענין פון פגם הברית איז כלול פון אסאך זאכן, אין אן אנדערע תורה[ה] זאגט דער רבי, אז 'דער דיבור איז פגום הייסט עס שוין פגם הברית', א מענטש אז דער דיבור איז ביי אים נישט אפגעהיט, ער רעדט דברים בטלים, דאס איז פגם הברית, אזוי ווי אז די אויג איז נישט אפגעהיטן איז עס פגם הברית, אז דער געדאנק איז נישט אפגעהיטן, דער דיבור איז נישט אפגעהיטן הייסט עס פגם הברית.

זאגט דער רבי, דער עיקר איז דער דיבור, אז דער דיבור איז מלא אלקות "מלא פום" דאס איז דער יסוד[ו], מלאפום דאס איז די מרכבה צום דעם יסוד, אז דער מויל איז פול מיט אלקות איז דער דיבור בשלימות, קען ער מקבל זיין רוב שפע, ער האט א גוטע כלי, ממילא אז דער דיבור איז אזוי הייליג, גייען אוועק די חרפות, די אהבות רעות גייען אוועק, זיי האבן נישט ביי אים קיין פלאץ.

עס גיט א קום אן א ברענונג מיט תאוות צו א מענטשן, ער ווייס נישט פון וואנעט עס נעמט זיך, פון וואנעט נעמט זיך דאס?!

ער רעדט דברים בטלים און דער דיבור איז ביי אים פגום, הייסט עס פגם הברית, (ממילא) קומט אן א ברענונג פון תאוות, פון דעם נעמט זיך עס גאר, ווייל דער דיבור איז פגום, ווייל ער היט נישט אפ דעם דיבור!

און נאך א זאך, דער ענין פון דברים בטלים איז דאך אזוי מורגל אז עס איז גאר ביי אים א היתר גמור, ער טוט גארנישט קיין תשובה דערויף, אויף אן אנדערע זאך טוט ער

---

ה' עי' ליקו"מ סי' כ"ט, ובסי' י"ט.

ו' ליקו"מ ל"ד, אות ג': וּבְחִינָה הַזֹּאת, הַיְנוּ "וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט", הוּא בְּחִינַת מְלָאפוּם. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּכָל סִפְרֵי קַבָּלָה וּמוּבָא בְּ"שַׁעֲרֵי צִיּוֹן" בְּשַׁעַר תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ) בְּרִית מֶרְכָּבָה לַיְסוֹד, אֲשֶׁר הוי"ה שֶׁלּוֹ בְּנִקּוּד מְלָאפוּם. כִּי הַמְּלָאפוּם הוּא הָאוֹתִיּוֹת מְלֹא פּוּם, לְהוֹרוֹת, שֶׁכְּלֵי הַשֶּׁפַע, הַיְנוּ הַפֶּה שֶׁל הַצַּדִּיק, הוּא מָלֵא מֵאֱלֹקוּת שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כִּי לִכְאוֹרָה קָשֶׁה, לָמָּה אָנוּ צְרִיכִין לִתְפִלָּה, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת. אֲבָל מֵחֲמַת שֶׁהַדִּבּוּר הוּא כְּלֵי הַשֶּׁפַע, שֶׁבָּהֶם מְקַבְּלִין הַשֶּׁפַע. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים א) "וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם", הַיְנוּ לְפִי הַדִּבּוּר כֵּן הַשֶּׁפַע. אִם הַדִּבּוּר הַיְנוּ הַכְּלֵי הַשֶּׁפַע הוּא בִּשְׁלֵמוּת וּבִמְלוֹאָהּ, אֲזַי יְכוֹלִין לְקַבֵּל בָּהֶם רֹב שֶׁפַע. וְהַדִּבּוּרִים שֶׁל הַצַּדִּיק, בְּוַדַּאי הוּא בִּשְׁלֵמוּת וּבִמְלוֹאָהּ, לָכֵן יָכוֹל לְהַמְשִׁיךְ הַשֶּׁפַע לְיִשְׂרָאֵל. וְעַל יְדֵי זֶה נִקְרָא בְּחִינַת מְלֹא פוּם, לְהוֹרוֹת שֶׁהַפֶּה שֶׁלּוֹ בִּמְלוֹאָהּ וּבִשְׁלֵמוּת:

תשובה, אבער דער דיבור איז שוין אזוי, מען זיצט און מען לאכט און מען רעדט, און מען האט דערפון א תענוג, א פארגעניגן דערפון.

(אחד הנוכחים: ערב יום כיפור רעכנט מען אויס אין דעם ווידוי, 'דברתי דברים בטלים')

יא, יא, דברים בטלים, געוואלד דברים בטלים, עס ווערט געבראכט אז דער עיקר דין וחשבון איז אויפ'ן דיבור, פארוואס מען האט נישט אפגעהיט דעם דיבור.

(נקטע וחסר)

דאס האט דער רבי גערעדט פונעם צדיק, דער צדיק איז מלא פום, פול מיט אלקות, דאס איז ברית יסוד, דאס איז די נקודה פונעם צדיק,

(ממשיך באות ד') וכל אחד ואחד מישראל - זאגט דער רבי, יש בו בחינת צדיק מושל[ז], ויגבה לבו בדרכי ה'[ח] - 'די' גאוה מעג ער אין זיך האבן, אז אין מיר איז דא א בחינת צדיק מושל! דאס הייסט מלא פום, אזוי ווי עס שטייט[ט] 'ועמך כלם צדיקים'

(חסר)

[כי יש בכל אחד מישראל דבר יקר שהוא בחינת נקודה מה שאין בחבירו, כמעשה דאביי ואבא אומנא' (תענית כא ע"ב) חלשא דעתיה דאביי משום דאבא אומנא:], אבא אומנא אים האט מען אפגעגעבן אלע טאג פון הימל שלום, און מיר נאר איינמאל (בשבוע), האט מען אים געענטפערט: דו קענסט אבער נישט טוהן - לא מצית למעבד כעובדיה דאבא אומנא.

## אז עס פעלט ביי דיר א נקודה - נעם עס פון יענעם

ובחינה הזאת שיש בו יותר מחבירו הוא משפיע ומאיר ומעורר לב חבירו, וחבירו צריך לקבל התעוררות ובחי' הזאת ממנו, אביי דארף מקבל זיין א התעוררות פון דער בחינה פון אבא אומנא,

---

[ז] באות ד' כתב: וְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, יֵשׁ בּוֹ בְּחִינַת "צַדִּיק מוֹשֵׁל" שֶׁהוּא בְּחִינַת מְלֹא פוּם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה ס'): "וְעַמֵּךְ (יִשְׂרָאֵל) כֻּלָּם צַדִּיקִים". וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ (תְּהִלִּים קי"ד:) "יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו", הַיְנוּ 'מִי מוֹשֵׁל בִּי צַדִּיק'. כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, דָּבָר יָקָר שֶׁהוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה, מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ. כְּמַעֲשֵׂה דְּאַבַּיֵי וְאַבָּא אֻמָּנָא (תַּעֲנִית כ"א:), שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ, לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא וְכוּ'. וּבְחִינָה הַזֹּאת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ יוֹתֵר מֵחֲבֵרוֹ, הוּא מַשְׁפִּיעַ וּמֵאִיר וּמְעוֹרֵר לֵב חֲבֵרוֹ, וַחֲבֵרוֹ צָרִיךְ לְקַבֵּל הִתְעוֹרְרוּת וּבְחִינָה הַזֹּאת מִמֶּנּוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב וּמְקַבְּלִין דֵּין מִן דֵּין:

[ח] דברי הימים-ב יז, ו.

[ט] ישעיה ס, כג.

דאס איז דער ענין פון 'מכל מלמדי השכלתי', וויבאלד אז איך וויים אז אין יענעם איז דא א נקודה וואס איך האב זי נישט, דארף איך זיך דאס לערנען ביי יענעם, דאס איז א סימן אז עס איז תורה לשמה; אז ביי יענעם איז דא א זאך וואס איך האב עס נישט דארף איך עס לערנען פון יענעם, עס איז דאך דעם אויבערשטנ'ס תורה. אז עס איז דא ביי אים א נקודה וואס איך האב עס נישט דארף איך עס לערנען ביי יענעם.

'איזהו חכם הלומד מכל אדם'[י], שנאמר מכל מלמדי השכלתי, איזהו חכם - זאגט דער רע"ב, הראוי - אז ער קען זיך בארימען מיט זיין חכמה? הלומד מכל אדם, דאס איז א סימן אז זיין לערנען איז מיט אמת אז פון יעדן איינעם לערנט ער, וואס איז עפעס א גוטע זאך און איך וויים עס נישט, קומט ער און לערנט!

'דו קענסט נישט טאן די זאך וואס ער טוט', זאגט דער רבי ווייטער די בחינה וואס איז דא אין אים יותר מחבירו דארף ער משפיע זיין און מאכן לייכטן [און מעורר זיין] לב חבירו, און זיין חבר דארף מקבל זיין,

איז פשט אז אביי האט געדארפט מקבל זיין די נקודה פון אבא אומנא, איז ווייזן ווייזט אוים אז מען קען יא קומען (לנקודה שיש בחבירו יותר ממנו), נאר וואס דען – אביי האט געהאלטן, וואס האב איך א שייכות מיט אבא אומנא? ער איז א רופא, א מקיז דם.

(חסר)

דו דארפסט פון אים מקבל זיין - דאס וואס ער האט מער וואס דו האסט נישט, דארפסטו פון אים מקבל זיין.

וואס זאגט דער רבי דא? מען דארף דאך מקבל זיין פון אים, דו ביסט דאך אביי און ער איז אבא אומנא, דו דארפסט פון אים מקבל זיין די זאך, דו וועסט עס אויסנוצן אין דיין זאך, ער איז דאך נישט קיין מקיז דם, אין זיין זאך וועט ער עס אויסנוצן.

עס שטייט[יא] וקרא זה אל זה, מאכט דער תרגום, 'ומקבלין דין מן דין', די מלאכים רופן איינער צום אנדערן, וקרא זה אל זה ואמר - קדושה, די מלאכים זענען מקבל דין מן דין, ס'איז א פלא'דיגע זאך, עס שטייט אין פסוק וקרא זה אל זה - -

---

[י] אבות פ"ד מ"א.

[יא] ישעיה ו, ג.

ומקבלין דין מן דין, עס איז עפעס אזא מין זאך, אז עס ליגט עפעס א מין אמת אין דערינען, א סימן אז איך מיין אמת! אז פון יעדן איינעם נעם איך עפעס, אז איך האב נישט די זאך נעם איך פון אים די זאך, איז א סימן אז ער מיינט אמת, ביי וועמען עס ליגט די תורה נעם איך עס, איזהו חכם הלומד מכל אדם.

(חסר)

# מקבלים און נישט קיין נותנים

נאך א זאך ליגט דא דערינען, דער רבי זאגט דא ומקבלין דין מן דין, עס שטייט נישט נותן זה לזה, נאר ומקבלין דין מן דין, אז עס קומען זיך צונויף צוויי מענטשן, אויב איך וויל זיין א נותן טויג נישט – אויב איך וויל זיין א מקבל איך וויל נעמען, און יענער וויל אויך זיין א מקבל, דעמאלט רעדט זיך אנדערע דיבורים!

אז דער איז א מקבל און דער איז מקבל, 'ומקבלין דין מן דין', דאס איז די כוונה ווען מען קומט זיך צונויף רעדן, 'איך וויל מקבל זיין', און אליין קען איך נישט, אז עס זענען דא צוויי מענטשן קען איך מקבל זיין איינער פון דעם אנדערן.

כי קודם מתן תורה היה הממשלה ביד השם יתברך, ואחר מתן תורה האט דער אויבערשטער געגעבן די ממשלה ביד כל ישראל, מיר האבן די ממשלה, 'כל אחד לפי בחינתו'! (וכו' וכו' עיי"ש). היינו מי מושל בי, היינו שהשפע הוא לפי הרחבת הפה ולפי כלי הדיבור, כל אחד לפי בחינתו:

אפילו דער אויבערשטער העלפט, איינער ער האט א שפע, אבער ער דארף וויסן ביי זיך, צו האב איך די כלי פון דער שפע, די כלי זאגט דער רבי דאס איז דער מויל, דער דיבור, אדרבה ווער עס האט א גרעסערער שפע דארף ער מער רעדן צום אויבערשטן דיבורים, וועט ער האבן א שענערע כלי, מען גיט דאך אים שפע, זאל ער עס אריינעמען אין א כלי, האסטו א גרעסערע שפע - גרייט צו א גרעסערע כלי.

(השואל: וואס איז מיט די גרויסע גבירים וואס זיי האבן נישט קיין התבודדות?)

עס טויג טאקע נישט, די שפע מאכט זינדיגן, שפע אן א כלי לאזט זיך אוים זייער נישט גוט[יב]!

* * *

[יב] עי' ליקוטי הלכות הלכות מילה ה"ה, אות ד' וה'.

# דורך אמונת חכמים איז יעדע קלייניקייט גאר גרויס

(קטע משיעור הנאמרה באותה זמן, כנראה סוף חודש ניסן)
(טייפ מס. 79#)

(חסרה ההתחלה, ומאד לא ברור)

- - פגם אמונת חכמים - זאגט דער רבי אין תורה ס"א, דאס איז נוגע אין מח[י"ג],

דער רבי האט געהייסן נישט רייכערן ציגארעטן[י"ד], דער רבי האט געהייסן נישט שמעקן טאביק, נישט עסן קיין ציבעלע[ט"ו], די עצם זאך אליין וואס איך שמעק דעם טאביק איז נישט אזוי גרויס - - (פגם) אבער אמונת חכמים!

עס איז דאך דיין רבי, ער האט נישט געהייסן, האסטו דאך א פגם אמונת חכמים, א פגם אמונת חכמים איז שוין מער ווי דאס טאביק שמעקן -

פגם אמונת חכמים איז דאך אן אנדערע וועלט - - -

אז דער רבי זאגט א דיבור, און דער דיבור אליין, איך ווייס? אבער דער פגם אמונת חכמים האב איך דאך, און דאס קען דאך ברענגען צו א סך קלקולים אין אידישקייט.

וויבאלד אז דער דיבור איז ביי מיר נישט חשוב, איז א סימן אז אינגאנצן דער אמונת חכמים פון דעם רבי'ן איז מיר נישט אזוי חשוב, איז דער דיבור אויך נישט אזוי חשוב, וואס איז א נפקא מינה?

וואס הייסט, הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה[ט"ז]? א מצוה עס שטייט אין די תורה, דו זאלסט נישט מחלל שבת זיין, און עס שטייט און די תורה, איך ווייס? דארטן אן ענין פון שביעית, א זהירות פון שמיטה, דאס איז סקילה און דאס איז נישט סקילה, אבער דער פגם אמונה איז דאך אין דער זאך אויך דא, אז דו היטסט נישט א זהירות אין שביעית דארטן, דערפאר ווייל דו לאכסט עס אוים, דו האט נישט קיין אמונה דערינען - זאגט די משנה הוי זהיר בקלה כבחמורה, איינמאל ווייל דו ווייסט נישט דעם מתן שכרן של

---

[י"ג] וז"ל שם, אות א', באו"ד: עַל יְדֵי פְּגַם אֱמוּנַת חֲכָמִים כַּנַּ"ל. אֲזַי עוֹלִים עֲשָׁנִים סְרוּחִים אֶל הַמֹּחַ, וּמְעַרְבְּבִים וּמְבַלְבְּלִין דַּעְתּוֹ:

[י"ד] עי' חיי מוהר"ן תע"ב.

[ט"ו] עי' שיחות הר"ן רס"ה.

[ט"ז] אבות פ"ב מ"א.

מצות, און (צווייטנס) עס איז דאך א פגם אמונה, ווער זאגט דיר אז מען טאר נישט?! דער וואס זאגט דיר אן אויף די גרויסע, זאגט דיר אן אויף די קליינע אויך! ער זאגט דיר!

נאך א זאך, אז מען איז נישט מקיים דארטן א גרויסע זאך, ווי קימת חצות, צו נאך א גרויסע זאך, האב איך א תירוץ למעלה -

אבער דאס איז דאך א קליינע זאך, די זאך קענסטו דאך יא מקיים זיין, נאר (פארוואס ביסטו עס נישט מקיים, ווייל) עס איז א פגם אין דער אמונה, (קומט אוים) איז דאך עס נישט נאר די קליינע זאך וואס דו ביסט נישט מקיים, דו ביסט דאך אין דער אמונה פוגם.

אין אמת'ן וואלט ער געוואלט לערנען א גאנצע וואך אויך, נאר וואס דען, ער קען נישט, א סימן דערויף איז אז שבת לערנט ער יא, אבער אז שבת לערנט ער אויך נישט, איז דאס וואס ער לערנט נישט, איז עס דאך נישט דערפאר ווייל ער האט נישט קיין צייט, נאר ווייל עס האט נישט ביי אים קיין חשיבות דאס לערנען, א סימן דערצו איז, אז שבת לערנט ער דאך אויך נישט, וואס דעמאלט האט ער דאך יא צייט, ווערט דאך שוין אויף אים א גאנצע פעקל אפילו אויפ'ן גאנצן יאר, נישט נאר אויף שבת.

דאס אייגענע - דער רבי הייסט ווינטער דארף מען אויפשטיין חצות[י], און מען דארף זיין אן ערליכער איד, און אלעס וואס ער הייסט. און דער רבי זאגט מען זאל נישט רייכערן קיין ציגארעטן, נישט שמעקן קיין טאביק, איז אז איך פאלג דעם רבי'ן מיט טאביק מיט ציגארעטן - - - (לכל היותר אפשר לומר על הדברים הקשים:) דאס איז מיר געווען שווער, א יצר הרע - -, אבער אז די קליינע זאכן פאלגט ער אויך נישט, איז דאך א סימן אז די אמונה ביי אים איז נישט גאנץ אינעם צדיק, דאס איז אויף אלעם - -

(ר'משה בינענשטאק: עס זענען דא וועלכע זאגן אז נישט די ציגארעס, עס איז געווען איינער וועלכער לעבט שוין נישט, וואס ער האט געזאגט: דער רבי האט געמיינט דווקא די לולקע)

מען וועט שוין באלד זאגן נישט די ציבעלע אויך - -

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט נישט געגעסן גרינע ציבל?!)

ער פלעגט זאגן אז דער רבי האט נישט דאס געמיינט. די גרינע - נאר בשעת זיין האבן נאך די ווייסע הארלעך - זיי האבן נישט קיין שום שארפקייט אין זיך, אבער אז מען הייבט

[י] עי' שיחות הר"ן אות ש"א.

אן צו עסן - די ציבל וואקסט דאך זייער גיך, און היינט מעג איך נאך און מארגן טאר איך נישט, אז איך עס היינט וועל איך עסן מארגן אויך.

געקאכטע מעג מען עסן, (השואל: געווייקטע?) געווייקטע איז שוין - - געקאכטע מעג מען! שוין.

דער אויבערשטער זאל אונז העלפן מיר זאלן האבן אמונת חכמים - - (השואל: דער רבי האט געזאגט אז ר"ח דארף מען גיין אין מקוה פארן דאווענען?) דער רבי איז צוגעגאנגען צו ר' נפתלי'ן - ער איז שוין געגאנגען אנגעטוהן די טלית ותפילין: "נו, מקוה?!" האט ער געזאגט: (ער וועט שוין גיין) "נאכ'ן דאווענען". האט דער רבי געזאגט, ראש חודש [דארף מען פריער גיין אין וואסער אריין] - - האט ער אויסגעטוהן די טלית ותפילין און איז געגאנגען אין מקוה.

(ר' נחמן בורשטיין: ווי האט דער רבי געזאגט? ווער עס קען מיך קען עדות זאגן...) דער רבי האט געזאגט: "דער וואס קען מיך קען אויף מיר עדות זאגן אז איך האב נישט אין זיך קיין תנועה פון א גוטן אידן".

(רמ"ב: די שאלה איז וואס הייסט א תנועה פון א גוטן אידן?)

פארוואס האט דער רבי גערארפט זאגן, ווער עס קען מעך? ווייזט אויס, אז מען קען מעך דעמאלט וועט ער קענען אויף מיר עדות זאגן, אז ניט קען מען נישט עדות זאגן. (רנ"ב: אבער עס איז דא א דיבור אן אנדערער, אזוי ווי איר קוקט מיך אן, האב איך נישט קיין אײן תנועה פון א גוטן אידן) ניין, ניין, 'דער וואס קען מעך' - -

# הסתלקות רבי נחמן טולטשינער זצ"ל

(השואל: ר' נחמן טולטשינער פאר די הסתלקות האט געוויזן אויף דער ערד, 'גם שם ידך תנחני'[יח]?)

איך האב עס נישט געהערט. איך האב נאר געהערט פון ר' אייזיק'לען, ר' אייזיק'ל איז געווען ביי די הסתלקות פון ר' נחמן טולטשינער, ער איז געשטאנען ביי די הסתלקות, האט ר' אייזיק'ל אזוי געזאגט, אז ר' נחמן טולטשינער האט אנגעהויבן זאגן, 'בריך שמיה' פאר די הסתלקות, און ער האט געשריגן: ביה אנא רחיץ! ביה אנא רחיץ! נאכדעם האט

[יח] תהלים קלט, י.

ער אנגעהויבן צו זאגן: אלקי! נשמה שנתת בי, טהורה היא! "ואתה עתיד - ליטלה ממנה" – איז ער אויסגעגאנגען.

(השואל: ער האט געהייסן מאכן א גריץ פארן עולם?)

ער האט געזאגט אין שטוב אז מען זאל מאכן א גרייץ (דיסה של גריסי שיפון), עס איז נאך קאלט דעמאלט, כ"ו ניסן, "אז מען וועט קומען פון פעלד וועט זיין קאלט זאל מען געבן יעדן א שיסעלע גרייץ", ער האט שוין געזעהן, (אז ער דארף נסתלק ווערן).

ער האט דערציילט, ווען מען האט ארויסגעטראגן ר' נחמן'ען פון דער שטוב, האט מען זיך דערמאנט עס איז דאך היינט כ"ו ניסן, דער יארצייט פון יהושע בן נון (אחד הנוכחים: דער אמת'ער תלמיד)[י"ט].

(השואל: ווען איז דער רבי געבוירן געווארן - וואספארא טאג?) דעמאלט איז אויסגעפאלן שבת - ר"ח ניסן.

היינט איז ר"ג שנים, צוויי הונדערט און דריי יאר, פון די לידה פונעם רבי'ן, (תקל"ב - תשל"ה)

(אחד הנוכחים: דער עלטסטער רבי פון דעם היינטיגן דור!)

- - - -

# דורך פגם הברית פארלירט מען דעם קול

(חסרה ההתחלה, לומד בתורה ל"א אות ח' ט')

דער רבי ברענגט אין תורה כ"ז[כ'] א פסוק 'רועה זונות יאבד הון', אז ער באהעפט זיך מיט זנות פארלירט ער דעם הון, זאגט די גמרא, ער פארלירט דעם קול. וואס הייסט ער פארלירט דעם קול? עס זענען דא (רשעים) וואס לייגן איין די וועלט מיט זייערע קולות? ער פארלירט דעם קול דקדושה, פארלירט מען, ער לאזט ארויס א קול איז עס א קול פון פגם הברית, ממילא די וואס הערן דער קול לפי שעה געפעלט עס, און נאכדעם רח"ל הייבט זיך אן אין אים קאכן א פגם הברית, אינגאנצן זיין מח ליגט אין דעם קול.

---

[י"ט] עיין ספר כוכבי אור, שיחות וסיפורים אות מ"ו.

[כ'] וז"ל: וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ (מִשְׁלֵי כ"ט): "רֹעֶה זוֹנוֹת יְאַבֶּד הוֹן", 'הוֹן' זֶה בְּחִינַת קוֹל, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'כַּבֵּד אֶת ה' מֵהוֹנֶךָ אַל תִּקְרֵי מֵהוֹנְךָ אֶלָּא מִגְּרוֹנְךָ'. (כַּמּוּבָא בבאה"ט סִימָן נ"ג בְּשֵׁם הַפְּסִיקְתָּא, וְכֵן בְּרַשִׁ"י מִשְׁלֵי ג' בְּהַגָּ"ה שָׁם. וּלְשׁוֹן הַפְּסִיקְתָּא אֶלָּא מְחָנֶנְךָ וְכוּ' אִם נָתַן לְךָ קוֹל עָרֵב וְכוּ'). וּכְשֶׁפּוֹגֵם בַּבְּרִית, נִפְגָּם קוֹלוֹ, עיי"ש.

**ווארום פון די גרויסע חזנים האבן א זאג געגעבן אמאל, 'מיר קענען נישט האבן קיין מחשבה זרה ביים דאווענען, ווייל מיר מוזן אינזינען האבן דעם טייטש, מיר זאלן וויסן ווי אזוי צו דרייען דעם קול', איז פארקערט ליגט ער דאך אינגאנצן אין קול, אינגאנצן לייגט ער זיך אריין דארטן.**

(רמ"ב: דער רבי זאגט[כ"א] אז דורך שמירת הברית איז הזדככות הקול, איז פארקערט, עס קען זיין איינער א שומר הברית און ער האט נישט אזא שיינע שטימע!)

**יא, יא, אוודאי אזוי, א שיינע שטימע מיינט מען א קול פון א חזן? א ריין קול! דער רבי זאגט, 'הראיני את מראיך' - וויז מיר דיין הדרת פנים, דאס איז דער מח, 'השמיעני את קולך' - וויל איך הערן דיין קול!**

**איך וועל זעהן דיין הדרת פנים, דיין מח, דאס וועל איך הערן דיין קול.**

**אין אומאן איז געווען ר' יעקב סיראקה, נישט אין אונזערע צייטן, ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, א חסיד'ישער איד געוועזן, ער איז געווען א וועלט'ס חזן, אין דער גרויסער שול איז ער געווען חזן אין אומאן. א גרויסער ערליכער איד געווען. איז געווען געפאקט די שול צו הערן אים, פלעגט מען אוועקגיין** (פון אים כדי צו) **הערן ר' נחמן טולטשינער דאווענען, ר' נחמן דאוונט בעסער, עס גלוסט זיך מער צו הערן. מען איז אוועק געגאנגען פון דארטן כדי צו הערן ר' נחמן טולטשינער, ער דאווענט בעסער, א קול וואס ליגט אזא מין קדושה, אזא מין יראה - דאס קול הערט זיך בעסער, עס הערט זיך בעסער!**

---

[כ"א] שם, וז"ל: וּלְפִי הַהִזְדַּכְּכוּת חָכְמָתוֹ בִּשְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה מִדּוֹת אֵלּוּ הַנַּ"ל, כֵּן הִזְדַּכְּכוּת קוֹל רִנָּתוֹ. בִּבְחִינַת: 'זָקֵן זֶה קָנָה חָכְמָה' (קִדּוּשִׁין ל"ב:), 'הַקָּנֶה מוֹצִיא קוֹל' (בְּרָכוֹת ס"א וְעַיֵּן זֹהַר פִּנְחָס רל"ב רל"ד רל"ה:). וְזֶה (שִׁיר הַשִּׁירִים ב): "הַרְאִינִי אֶת מַרְאַיִךְ", זֶה בְּחִינַת הַדְרַת פָּנִים, בְּחִינַת זָקֵן כַּנַּ"ל. 'הַשְׁמִיעֵנִי אֶת קוֹלֵךְ' וכו' עי"ש:

# דורך שמירת הברית - איז מען זוכה צו בענקעניש צו השי"ת

אויבן האט דער רבי אזוי געזאגט, (באות ו'[כ"ב]) אז דער וואס איז א בחינת ברית גייט ארויס פון אים א חסד, 'אהבה והשתוקקות', [ומי שהוא בבחינת ברית, אזי חסד מתגלה בפומא דאמה וכו' היינו האהבה וההשתוקקות, בבחינת כי חולת אהבה אני[כ"ג]].

די ערליכע אידן וועלכע זענען שומרי הברית, האבן א השתוקקות צום אויבערשטן, זיי האבן אן אהבה צום אויבערשטן, א בענקאכטס צום אויבערשטן, 'חסד מתגלה בפומא, אן אהבה גייט ארויס, ער גייט ארום מיט א השתוקקות צום אויבערשטן! דאס רופט ארויס א השתוקקות צום אויבערשטן, אזוי האבן מיר אויבן געלערנט, זאגט דער רבי אז דאס הייסט 'אברהם', אברהם איז דאך געווען - ער איז ארומגעגאנגען מיט א השתוקקות צום אויבערשטן[כ"ד].

(לומד אות ט') 'ומי שהוא במדריגת אברהם, ווערט ער א בעל נפש. אין חוץ לארץ זאגט מען, 'ער איז א בעל גוף', א רייכער מענטש הייסט א 'בעל הגוף', ער האט נאר אינזינען דעם גוף - א בעל נפש הייסט דער וואס האט א השתוקקות צום אויבערשטן, השתוקקות איז דער נפש, ער איז א בעל נפש, ער גייט ארום מיט א השתוקקות צום אויבערשטן,

געדענק איך, מתתי'[כ"ה] ער איז ארומגעגאנגען מיט אזא בענקאכטס צום אויבערשטן, ערליכע אידן האבן א געוואלדיגע השתוקקות צום אויבערשטן, א בענקאכטס צום אויבערשטן, דער רבי זאגט, 'חסד מתגלה!' פון אים גייט ארויס אהבה; אן אהבה גייט ארויס פון אים, ער האט א בענקאכטס צום אויבערשטן.

---

[כ"ב] ליקו"מ סי' ל"א, אות ו', וז"ל: וּמִי שֶׁהוּא בִּבְחִינַת בְּרִית, אֲזַי: 'חֶסֶד מִתְגַּלֶּה בְּפֻמָּא דְּאַמָּה' (אִדְּרָא נָשֹׂא קמ"ב.), בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים פ"ט): "לְעוֹלָם אֶשְׁמָר לוֹ חַסְדִּי וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ". וּבִשְׁבִיל זֶה נִתְּנָה מִדַּת חֶסֶד לְאַבְרָהָם, כִּי הוּא הָיָה רֹאשׁ לַמַּאֲמִינִים וְרֹאשׁ לַנִּמּוֹלִים.

[כ"ג] שה"ש ב, ה.

[כ"ד] עי' ליקו"ה ברהמ"ד ה"ד, אות כ"ד, וז"ל: אַבְרָהָם הָיָה נְדִיב לֵב הָרִאשׁוֹן. שֶׁכָּל עֲבוֹדָתוֹ הָיְתָה רַק רָצוֹן וְכִסּוּפִין דִּקְדֻשָּׁה כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר (ליקו"מ קמ"ב). כִּי הוּא הָיָה קֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה, וּבִתְחִלַּת עֲבוֹדָתוֹ לֹא הָיָה יוֹדֵעַ מִשּׁוּם מִצְוָה, וְהָיְתָה כָּל עֲבוֹדָתוֹ רַק רָצוֹן וְחֵשֶׁק וְכִסּוּפִין דִּקְדֻשָּׁה... וְעַל-יְדֵי כָּל זֶה הִתְפָּאֵר בּוֹ ה' יִתְבָּרַךְ מְאֹד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "אַבְרָהָם אוֹהֲבִי".

[כ"ה] ה"ה החסיד ר' מתתי' בארזעסקי ז"ל, מגדולי העובדים ולמדן מופלג באומאן

דער ענין פון שמירת הברית, ער האט נישט קיין שום אנדערע אהבה, פגם הברית איז דאך אהבות הנפולות, אז ער האט נישט אין זיך קיין שום אהבה נאר אהבה צום אויבערשטן, דעריבער גייט ער כסדר ארום מיט אהבה, מיט א בענקאכטס צום אויבערשטן.

אזוי ברענגט דער רבי דעם זוהר, 'חסד מתגלה', אהבה גייט ארויס פון אים!

(רמ"ב: דער רבי האט געזאגט, אז ער האט געוואלט האבן תלמידים וואס זאלן זיך דרייען אין די פעלדער ברומען ווי חיות?) **יא, זיי זאלן ברומען ווי די חיות! דאס הייסט אהבה צום אויבערשטן.**

# דורך השתוקקות צו השי"ת שיינט דאס געלט און האט א קיום

**'אזי בוודאי - זאגט דער רבי - 'כל אכילותיו וסעודותיו בבחינת לחם הפנים'[כ"ו], זיין עסן איז אין א בחינה פון דער קדושה פון לחם הפנים, בבחינת 'התהלך לפני'[כ"ז], התהלך דאס איז די רגלין, בחינת פרנסה, בחינת 'ואת כל היקום אשר ברגליהם'[כ"ח], דער 'התהלך' איז לפני, עס ווערט פון זיי א בחינת פנים!**

ווער עס איז במדריגה פון אברהם'ען, (ער פארמאגט) א בענקאכטס צום אויבערשטן, איז דאן זיין פרנסה א בחינת לחם הפנים, די פרנסה שיינט, די פרנסה לייכט, און דאס געלט איז 'חשוב'ע געלט'.

דער פסוק שטייט דאך ביי קרח'ן, 'ואת כל היקום אשר ברגליהם', אינגאנצן איז די געלט געווארן איינגעזונקען, אפילו קיין מחט איז נישט געבליבן פון קרח'ן[כ"ט], אזוינע

---

[כ"ו] שם באות ט' וז"ל: וּמִי שֶׁהוּא בְּמַדְרֵגַת אַבְרָהָם, הַיְנוּ בְּחִינוֹת בַּעַל נֶפֶשׁ, אֲזַי בְּוַדַּאי כָּל אֲכִילוֹתָיו וּסְעֻדּוֹתָיו בִּבְחִינַת לֶחֶם הַפָּנִים. בִּבְחִינַת (בְּרֵאשִׁית י"ז): "הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי", "הִתְהַלֵּךְ", זֶה בְּחִינַת רַגְלִין, בְּחִינַת פַּרְנָסָתוֹ. בְּחִינַת (דְּבָרִים י"א) "וְאֵת הַיְקוּם אֲשֶׁר בְּרַגְלֵיהֶם", (וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, סַנְהֶדְרִין ק"י זֶה מָמוֹנוֹ שֶׁל אָדָם שֶׁמַּעֲמִידוֹ עַל רַגְלָיו). "הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי", שֶׁנַּעֲשֶׂה מֵהֶם בְּחִינַת פָּנִים. וְזֶה בְּחִינַת (שְׁמוּאֵל א כ"א): "לֶחֶם חֹם בְּיוֹם הִלָּקְחוֹ", הַיְנוּ לֶחֶם הַפָּנִים, הֵם לֶחֶם חֹם, דַּרְגִּין דְּאַבְרָהָם, שֶׁהוּא בְּחִינַת (בְּרֵאשִׁית י"ח): "כְּחֹם הַיּוֹם": וְאָז כָּל הָעַכּוּ"ם וְכָל הַכּוֹכָבִים וּמַזָּלוֹת שֶׁהֵם תַּחְתֵּיהֶם, כֻּלָּם הֵן טוֹרְחִין בִּשְׁבִיל זֶה הָאִישׁ. בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים ק"י): "שֵׁב לִימִינִי", בְּחִינַת אַבְרָהָם, "עַד אָשִׁית אוֹיְבֶיךָ הֲדוֹם לְרַגְלֶיךָ", שֶׁהֵם טוֹרְחִים בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָתְךָ וכו'.

[כ"ז] בראשית יז, א.

[כ"ח] דברים יא, ו.

[כ"ט] ירושלמי סנהדרין פ"י ה"א.

פרנסה ווי קרח האט געהאט, וויל דער אויבערשטער נישט, נאר אריין אין דער ערד אריין!

אבער 'התהלך' – דאס איז 'לפני', דער אור הפנים שיינט אין אים, עס איז לחם הפנים! די פרנסה, די געלט ווערט נישט איינגעזונקען אין דער ערד, אויף די געלד זאגט דער אויבערשטער, לי הכסף לי הזהב[ל'], דער אויבערשטער איז זיך מתפאר מיט אזא מין געלט, די געלט שיינט[ל"א].

דער פסוק, 'את היקום אשר ברגליהם', וואס מען ברענגט א ראי' פון קרח'ן, אבער וואו איז אריין זיין עשירות? א מחט (אז עס איז געווען) אין אן אנדערע שטוב האט די מחט געטשעפעט זיך, ביז זי איז אריין אין דער ערד אריין. כדי עס זאל נישט בלייבן פון קרח'ן גארנישט, אפילו נישט קיין נאדל זאל נישט בלייבן פון אים, ווייל דאס איז אן ענין פון פגם הברית, אזוי ווי פון עמלק טאר גארנישט בלייבן[ל"ב].

אבער דאס געלט וואס איז פון דער שומר הברית, דאס איז התהלך, זיין געלט איז לפני, דער אור הפנים שיינט אין דעם, וזה בחינת, 'לחם חום ביום הלקחו'[ל"ג], דאס שטייט דאך אויפ'ן לחם הפנים, מען האט עס ארויפגעלייגט אויפ'ן טיש דארטן אויף אכט טעג, און עס איז געווען אזויווארעם, אזוי פריש, אזוי ווי מען האט עס אוועקגעלייגט. דאס איז לחם חום, דרגין דאברהם, ביי אים שטייט[ל"ד] כחום היום, ער האט געהאט תמיד א ברענונג צום אויבערשטן, א מין תשוקה צום אויבערשטן, כחום היום!

דרגין דאברהם לחם חום, און וואו שטייט דאס? ביי לחם הפנים, ווארום דער צדיק, זיין לחם איז אזוי ווי לחם הפנים.

---

[ל'] חגי ב, ח.

[ל"א] ע"פ ליקו"מ סי' כ"ה, וז"ל שם: וְהַהִתְגַּלּוּת גְּדֻלּוֹת הַבּוֹרֵא, הוּא עַל־יְדֵי צְדָקָה שֶׁנּוֹתְנִין לְעָנִי הָגוּן. כִּי עִקַּר הַגְּדֻלָּה וְהַפְּאֵר הוּא הִתְגַּלּוּת הַגְּוָנִין. וְכֶסֶף וְזָהָב הֵן הֵן הַגְּוָנִין, כִּי גְּוָנִין עִלָּאִין בָּהֶם. וּגְוָנִין עִלָּאִין הַמְלֻבָּשִׁים בְּכֶסֶף וְזָהָב, אֵין מְאִירִין אֶלָּא כְּשֶׁבָּאִים לָאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, כִּי שָׁם מְקוֹמָם. וְנִכְלָלִים זֶה בָּזֶה, וּמִתְנַהֲרִין אִלּוּ הַגְּוָנִין, בִּבְחִינַת (יְשַׁעְיָה מ"ט): "יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", כִּי מְקוֹם הַגְּוָנִין אֵינוֹ אֶלָּא אֵצֶל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי. וּכְשֶׁמִּתְנַהֲרִין הַגְּוָנִין, אֲזַי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְגַּדֵּל וּמִתְפָּאֵר בָּהֶם בִּבְחִינַת (חַגַּי ב): "לִי הַכֶּסֶף וְלִי הַזָּהָב.

[ל"ב] דברים כה, יט. תמחה את זכר עמלק מתחת השמים וגו'.

[ל"ג] שמואל-א כא, ז.

[ל"ד] בראשית יח, א.

ואז, אז מען איז זוכה צו אזא מין סארט תשוקה צום אויבערשטן, צו אזא מין סארט פרנסה וואס שיינט אזוי, איז כל העכו"ם, וכל הכוכבים ומזלות שהם תחתיהם כלם טורחין בשביל זה האיש - אלע הארעוועז פאר דעם מענטשן, וואס איז בבחינת שב לימיני[ל"ה] - דער אויבערשטער זאגט דו זעץ זיך אוועק ביי מיין ימין, דאס איז אברהם, אהבה, ימין, 'עד אשית אויביך הדם לרגליך' - זיי וועלן אלע הארוועז בשביל פרנסתך! בבחינת, 'לחמינו הם', זיי זענען אונזער ברויט, זיי דארפן הארוועז פאר אונז (וכו' עיי"ש).

* * *

[ל"ה] תהלים קי, א.

# פרשת נשא - שנת תשל"ה

(טייפ מס. 81#)

## בַציצית או בְציצית

(חסרה ההתחלה)

אין פוילן ווייטער זאגט מען אויך בַציצית, דער ב"ח איז געווען רָב אין קראקא, און דער ב"ח האלט מען זאל זאגן בַציצית, און אנדערע פוסקים האלטן אזוי ווי דער [לבוש] (לא ברור).

(רמ"ב: ס'איז דער כלל אז וואס דער באר היטב לאזט אויס, [אזוי האלט ער]; דער באר היטב לאזט אויס אזוי ווי דער ב"ח בַציצית!)

דער חיד"א - דער שם הגדולים ברענגט, 'איך האב געהערט מחכם אחד פון ארץ ישראל אז ביום שנפטר הב"ח איז ארויס א קרוז פנו מקום לרבי יואל מקראקא.'[לו]

דער מגן אברהם איז געווען גאר א פארבאהאלטענער, זאגן זיי אז דער ט"ז האט מגלה געווען דעם מגן אברהם, (נראה דהיינו שע"י שהדפיסו 'המגיני ארץ', הט"ז והמ"א ביחד על השו"ע, עי"ז נתגלה גדולת המ"א).

ער האט אויפגעדעקט ווער דער מגן אברהם איז, אין די זאכן מישן מיר זיך נישט, ווי אזוי ער וויל טוט ער, מישן זיך אין דער הלכה - מישן מיר זיך נישט!

נאר פארוואס מיר זאגן בַציצית - נאר דערפאר ווייל דער ב"ח, אליץ פון פוילן, און דער ב"ח איז געווען דארט רב, און ער האלט בַציצית, (רמ"ב: בְציצית האלט דער גאון דאכט זיך, ניין?) האט מען אנגענומען בַציצית.

---

[לו] וז"ל חיד"א בשם הגדולים: ראיתי להרב וכו' בספרו תוס' שבת וכו' דכאשר עלה לשמים הרב ב"ח, כרוזא קרי בחיל פנו מקום לרבי יואל מקראקא עכ"ל, עיי"ש.
וז"ל התוספות שבת [נכד הב"ח] בהקדמה על ספרו: "ופרשת גדולת בעל הבתים אשר גדלו המלך האמיתי כבר נודע בשערה שבהעלותו ה' אותו לשמים בסערה הכריזו עליו פנו מקום לר' יואל מקראקא הבירה, ודבר זה נתגלה ע"י רוח אחד מסל"ת את המאורע", עיי"ש.

# נישט טשעפען א סעיף קטן אין שולחן ערוך

דער לקוטי מוהר"ן איז דאך געווארן אפגעדרוקט נאך בחיי רבינו, שנת תקס"ח, האט מען דעם רבי'ן געפרעגט נאך פשט אין א שטיקל לקוטי מוהר"ן, דער רבי האט נישט געענטפערט, ער האט נאר געזאגט, 'איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי איר ווילט, נאר נישט טשעפען קיין סעיף קטן פונעם שלחן ערוך'.

דער רבי האט נישט געענטפערט פשט, ער האט נאר געזאגט, איר מעגט קנייטשן מיין ספר ווי אזוי איר ווילט. דאס הייסט, דעם רבי'ן ארט נישט דו זאלסט זאגן אזוי צו אזוי דער פשט, נאר נישט טשעפען קיין סעיף קטן אין שלחן ערוך.

דעם פשט זאלסטו נישט זאגן - זאגן א פשט וואס דורך דעם געבן א דריי (דעם שלחן ערוך) דאס זאלסטו נישט זאגן. דאס הייסט נישט 'טשעפען דעם שלחן ערוך', זאגן בַציצית אדער בְציצית, עס זענען דא פוסקים (אויףביידע זייטן), אדער צו אויסלאזן ועל הכלכלה[ל"ז], אדער צו זאגן נאר ועל המחיה[ל"ח], דאס איז א באזונדערע שאלה - -

איך געדענק אין אומאן איז געווען איינער, ער פלעגט פארן אויף ראש השנה, ער איז געווען א כהן, א גרויסער ערליכער איד געווען, ער איז געווען פון דער חסידות חב"ד, ער פלעגט אלע יאר קומען אויף ראש השנה, ער פלעגט האבן יארצייט, צום גדליה האט ער געהאט יארצייט. געדענק איך, ער האט געדאווענט פאר'ן עמוד דארטן אויף דער נאכט, ער האט געדאווענט מעריב, ער האט געדאווענט אינדערפרי, ער האט געדאווענט נוסח חב"ד. האט אים קיינער נישט געזאגט א ווארט, גארנישט. שמונה עשרה האט ער געזאגט די חב"ד'יגע שמונה עשרה, אלעס, קיינער האט אים נישט געזאגט קיין ווארט.

# מען קען זיין א חסיד מיט אלע נוסחאות התפילה

כאטש מיר האבן דאך נישט אזוי געדאווענט, ער איז געווען אזוי מורגל, און אים גיין זאגן: 'פארוואס טוסטו אזוי? האט אים קיינער נישט געזאגט! דאס איז נישט קובע דער - דאס אידישקייט וואס א מענטש דארף האבן אין זיך איז נישט קובע צו זאגן אזוי אדער צו זאגן אזוי.

---

[ל"ז] מגן אברהם או"ח סי' ר"ח ס"ק ט"ז.

[ל"ח] משנה ברורה שם ס"ק נ'.

דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: 'איך מיש זיך נישט אין קיין נוסחאות'! פארוואס? דער רבי האט מודיע געווען אז חסידות וואספארא נוסח עס זאל זיין קען זיין חסידות אויך! מען קען דאווענען אשכנז און זיין א חסיד!

(רמ"ב: עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן געדאווענט אשכנז?) איך ווייס נישט, עס קען זיין! אויב יענער האט געדאווונט אשכנז, האט יענער נישט אויסגעזאגט!

[(השואל: ווי אזוי האט דער רבי געזאגט? 'איר מעגט קנייטשן'?) איר מעגט קנייטשן דעם ספר ווי אזוי איר ווילט, נאר נישט טשעפען קיין סעיף קטן פון שלחן ערוך!

זאגן פשט אין לקוטי מוהר"ן אזוי (צו) אזוי, אבער א פשט אנטקעגן שלחן ערוך, דאס טאר מען נישט, דאס טאר איך נישט זאגן!]

ביים רבי'ן איז דער אמת געווען אזוי פיל גרויס, אז מען דארף נישט - יענער האט דעם נוסח, זאל ער דאווענען מיט דעם נוסח, קיינער דארף קיינעם נישט טשעפען מיט קיין נוסח.

דער ענין פון חסידות - אריינגעבן די נקודה פון חסידות - וואס ליגט אין דער נקודה פון חסידות, איז וואספארא נוסח דו זאלסט דאווענען, קענסטו; קענסט דאווענען נוסח אשכנז, אנהייבן 'מזמור שיר חנוכת' און דאווענען - און זיין א חסיד, דאס האט אויך דער רבי מודיע געווען! מען מיינט דאך וויבאלד נוסח אשכנז ווי קען זיין? ניין!

## צעברעכן מדות רעות - קומט פאר נוסח

עס איז א בריוו דא אין נועם אלימלך אין סוף[ל"ט], איינער האט אים געשריבן קעגן דעם נוסח, וואספארא נוסח מען דאווונט, דער רבי ר' אלימלך איז געווען זייער א מקפיד אויף אזעלכע זאכן, האט ער געזאגט צום זון וואס ער זאל אים ענטפערן, יענער וואס האט געפרעגט איז געווען א גדול, האט ער אים געענטפערט, און נאכדעם האט ער אים דערלאנגט, 'ווען קען מען פרעגן אויף נוסח – וואס מען דארף זיין, אויסגעבראכן פון אלע זאכענישן' (פון אלע מידות רעות) דעמאלט קען מען זיך מישן, אבער אז מען איז נאך ווייט פון די אלע זאכענישן, דארף מען פרעגן?! דערלאנגט אזוי.

[ל"ט] מכתב הזה נעתק בקצת מהדורות של הנועם אלימלך, ואין זה מב' המכתבים שנעתקו ברוב הדפוסים.

דער רבי ר' אלימלך האט נישט געלאזט זיך נארן, און עס איז טאקע אזוי, אז יענער דאוונט אשכנז, און ער וויל מיך פרעגן וואס ער זאל דאווענען, וועל איך זיך מישן? כאטש אונזער נוסח וואס מיר דאווענען הייסט ביי אונז אביסל מער ריכטיגער, אבער איך וועל אים נישט זאגן קיין דיעות, יענער לעצמו בייט נוסח – מהיכי תיתי, פיין, (רמ"ב: אבער דער בעל שם האט עס יא אויפגעטוהן - מען זאל דאווענען נוסח ספרד - ניין?!) מיר דאווענען דאך אלע ספרד!

(רמ"ב: אבער עס איז יא געווען נייעס פון בעל שם, מען פלעגט דאווענען פריער נוסח אשכנז מסתמא רוב וועלט) ווייל דער אר"י הקדוש האט דאך איינגעפירט מען זאל דאווענען ספרד, אבער עס איז נישט געווען אויף דעם אופן (ביים רבי'ן), ביי אנדערע חסידות'ן איז געווען א געוואלד, ער ווערט א חסיד, און ער דאווענט אשכנז?! ביים רבי'ן איז דאס נישט געווען, דער רבי האט געזאגט: איך מיש זיך נישט אין קיין נוסח. (השואל: און ביים בענטשן: הזן 'ברחמיו'?) ניין, דאס איז נישט פון רבי'ן! אין אוקריינע זאגט מען 'ברחמיו'. (רמ"ב: אבער אלע אונזערע לייט האבן עס אנגענומען?) יא, אין אוקריינע זאגט מען ברחמיו, גאנץ אוקריינע איז דאך אזוי.

דער רבי האט געזאגט, ער מישט זיך נישט אין קיין נוסח, דער רבי האט געזאגט: נאר דאס יא, אז מען זאל אויסלאזן ביי ישתבח, "יחיד חי העולמים"! נישט ק-ל חי, נאר 'חי העולמים', מלך יחיד חי העולמים, פארוואס? ווייל אזוי ווי דער אנהויב ברכה ביי ברוך שאמר איז דאך: 'יחיד חי העולמים', זאל דער סוף ברכה אויך אזוי זיין 'חי העולמים', נישט ק-ל חי, עס זאל זיין אזוי ווי דער אנהויב ברכה פון ברוך שאמר (אחד הנוכחים: ברוך שאמר מיט ישתבח דאס איז איינס?) יא, דאס איז דער אנהויב – דאס איז דער סוף.

(השואל: מצפים 'תמיד' לישועה [בברכת 'את צמח'] פלעגט איר אויך זאגן?) ניין, ניין, דאס איז פון די לעצטע גאר, די לעצטע האבן צוגעלייגט, שוין.

(רמ"ב: צור ישראל, קומה 'מהרה' בעזרת ישראל?) ניין, 'קומה בעזרת ישראל'! מען זאגט נישט קיין מהרה!

(השואל: "והוא יוליכנו קוממיות לארצינו", (לקו"מ קמא קנ"ה[מ]) און אין סידור שטייט 'ותוליכנו') **דארטן ביי דער תורה פון אריכת אפים?** (שאומר רבינו שם:) **אז דערפאר בעט מען דארטן אויף ארץ ישראל, ווייל ביי קריאת שמע איז אמונה,** (בתורה) **קנ"ה, קודם קריאת שמע בעט מען 'והוא יוליכנו קוממיות לארצנו', דאס קען מען זיך נישט שטעלן אויף דעם, ווייל כמה מאל איז דא אין זוהר הק' און אין מדרש איז א סך דא, אין זוהר הק' נאך מערער, וואס ער ברענגט אמאל א פסוק און ברענגט אים נישט ווי אזוי עס שטייט, א סך מאל אין זוהר הק' איז אזוי, עס איז נישט שייך צו מאכן קיין גרייז, ס'איז עפעס אזא - א סך מאל איז אזוי וואס ער ברענגט א מאמר חז"ל נישט פונקטליך, איך האב שוין כמה פעמים גערעדט מיט ר' אלחנן** (ספקטור זצ"ל)**, אז דאס איז נישט קיין גרייזן,** (רמ"ב: ס'איז עפעס א שינוי נוסח?) **ניין! למשל - אז עס קומט זיי אוים צו זאגן דארטן די השגות אלקות, דערמאנט ער מיט דעם לשון, אבער עס איז נישט עפעס** (א גרייז אדער א נייער נוסח אין פסוק).

## בעטן השי"ת אויף יעדער איינציגער זאך

**מיר דארפן אסאך רעדן אז מיר דארפן זיך נעמען צו שיעורים אין תורה אוודאי, מען דארף האבן שיעורים קבועים אין תורה, מען דארף האבן שיעורים אין תפילה! עס דארף זיין ביי אונז מורגל אויף יעדער זאך בעטן דעם אויבערשטן, ווי ר' נתן האט געזאגט, אפילו אויף צדקה! "בעטסטו דעם אויבערשטן - בין איך דיך מקנא; אז נישט - בין איך דיך נישט מקנא".**

**אפילו אויף צדקה, אז איך גיב צדקה, פארוואס דארף איך בעטן דעם אויבערשטן? איך וויל געבן צדקה דארף איך פריער בעטן דעם אויבערשטן - זיין מורגל[מ"א].** (אז ער טוט אזוי) **איז ער ממש דבוק בהשם, דער מענטש ווערט דבוק אינעם אויבערשטן, דורך אזא מין זאך, עס איז געווען אזעלכע וואס האבן געהאלטן דערביי, ממש אזא מין נחת רוח פאר'ן אויבערשטן, אז דער מענטש אויף יעדער זאך וואס ער גייט טאן רעדט ער צום**

---

[מ] וז"ל: וְזֶה שֶׁקֹּדֶם קְרִיאַת שְׁמַע, שֶׁהוּא אֱמוּנַת הַיִּחוּד, אָנוּ מְבַקְשִׁים: 'וְהוּא יוֹלִיכֵנוּ קוֹמְמִיּוּת לְאַרְצֵנוּ', הַיְנוּ שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְעַל יְדֵי זֶה זוֹכִים לֶאֱמוּנָה, הַיְנוּ קְרִיאַת שְׁמַע, שֶׁהוּא אֱמוּנָה:

[מ"א] עי' ליקו"ה שבועות ה"ב, אות ל"ד, וז"ל שם: וְעַל כֵּן מְצוּיִים הַרְבֵּה טָעוּתִים מְאֹד בְּנוֹתְנֵי הַצְּדָקָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל שֶׁאֵין זוֹכִין בְּנָקֵל לִתֵּן צְדָקָה לְהָגוּן. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל, שֶׁמָּא תֹּאמַר, כָּל הַבָּא לִקְפֹּץ קוֹפֵץ? תַּלְמוּד לוֹמַר, מַה יָּקָר חַסְדְּךָ אֱלֹקִים וְכוּ', כִּי אֵינָם מְצוּיִים לִזְכּוֹת עִם מְהֻגָּנִים, עַיֵּן שָׁם בְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י. עַל-כֵּן צְרִיכִין לְהִתְפַּלֵּל הַרְבֵּה לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְקַיֵּם מִצְוַת צְדָקָה כָּרָאוּי שֶׁיִּזְכֶּה לִתֵּן לְהָגוּן בֶּאֱמֶת.

אויבערשטן, בעט ער דעם אויבערשטן, עס איז א געוואלד, ווי דער רבי זאגט דארט, ער איז 'סמוכין אליו', קרובין אליו[מ"ב], ער איז נאנט צום אויבערשטן! ער איז דער אמת'ער אבי, דוד המלך זאגט:[מ"ג] 'הוא יקראני אבי אתה', ער האט מיר גערופן - דו ביסט מיין טאטע!

אז יעדער זאך בעט דעם אויבערשטן, דאס איז א געוואלדיגע התקרבות צום אויבערשטן! און דאס איז דער רצון פונעם רבי'ן! אזוי דארף זיין, און דאס דארפן מיר, דאס דארפן מיר מפרסם זיין.

דאס איז וואס רבי נתן האט געזאגט: "די תורה האבן מיר מקבל געווען פון משה רבינו - קיום התורה דורכ'ן רבי'ן!"[מ"ד] מען האט פריער גערעדט, וואס מיינט דאס? דער עיקר מיינט מען תפילה! דער רבי האט מודיע געווען תפילה, און אן תפילה קען גארנישט זיין קיום התורה, ממילא דורכן רבי'ן האבן מיר קיום התורה![מ"ה]

אפילו ציצית, ציצית איז אויך דאס אייגענע, אז דו בעטסט דעם אויבערשטן, איז עס אן אנדער ציצית, איז עס שוין עפעס אנדערש!

רבי נפתלי - דער רבי האט אים געזאגט: 'דיין זאך איז ציצית, כאטש דו הייסט נפתלי, נפתלי איז דאך תפילין, דיין זאך איז ציצית!'. עס איז געווען אמאל וואס ר' נפתלי איז געגאנגען ארויף אויף טרעפ (אויפן וואגן?) אינמיטן וואגן האט זיך עפעס - - - האט ער זיך אפגעשטעלט אינמיטן די טרעפ און ער האט פארראכטן די ציצית! ווייל דער רבי האט אים געזאגט אז דיין זאך איז ציצית!

---

[מ"ב] ע"פ ליקוטי מוהר"ן תנינא, תורה ב'.

[מ"ג] תהלים פט, כז.

[מ"ד] עי' ליקו"ה ברכת הפירות ה"ה, אות ט"ו, וז"ל: צְרִיכִין לְהַתְחִיל לְהָכִין עַצְמוֹ כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה. וְהָעִקָּר הוּא קִיּוּם הַתּוֹרָה, כִּי הַתּוֹרָה כְּבָר קִבַּלְנוּ עַל יְדֵי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, אַךְ בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה צְרִיכִין לְהָכִין אֶת עַצְמוֹ מֵחָדָשׁ וְלִזְכּוֹת לְקַבֵּל עַל עַצְמוֹ קִיּוּם הַתּוֹרָה, דְּהַיְנוּ לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה עַל הֶעָבָר וּלְקַבֵּל עַל עַצְמוֹ מֵעַתָּה לְקַיֵּם אֶת כָּל דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת.

[מ"ה] עי' ליקו"ה ר"ח ה"ה, אות ד', מה שמובא שם בזה"ל: כְּשֶׁאָדָם מִתְפַּלֵּל רַק עַל צָרְכֵי נִשְׁמָתוֹ בְּעַצְמוֹ, דְּהַיְנוּ שֶׁכָּל תְּפִלּוֹתָיו לִזְכּוֹת לְיִרְאַת ד' וַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ... תְּפִלָּה כָּזֹאת אֵינָהּ טְפֵלָה לַתּוֹרָה, אַדְּרַבָּא, תְּפִלָּה כָּזֹאת הִיא עִקַּר קִיּוּם הַתּוֹרָה, מֵאַחַר שֶׁמְּבַקֵּשׁ רַק לְקַיֵּם אֶת הַתּוֹרָה, שֶׁזֶּה עִקַּר שְׁלֵמוּת הַתּוֹרָה, כִּי לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה... וְזֹאת הַתְּפִלָּה הִיא שָׁוָה עִם הַתּוֹרָה וְגָבֹהַּ מִמֶּנָּה.

# די ראדזינער תכלת - אמאל און היינט

(השואל: און וואס איז תכלת?) תכלת איז אזוי, אסאך יארן האב איך געטראגן תכלת, אין אומאן האב איך געטראגן תכלת. און ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געטראגן תכלת, פארוואס עס איז היינט געווארן ביי מיר די תכלת - א ביסל ביליגער געווארן ביי מיר? ווייל איך בין מְעַרֵער אויף דעם.. אויף דער ראדזינער (בעל התכלת) - אויף זיין תכלת בין איך נישט מְעַרֵער, בשעת די תכלת איז געווען בשעתו איז געווען אסאך פעסער תכלת, מיר האבן געטראגן די תכלת פונעם זוהן ר' מרדכי יוסף, אין אונזערע צייטן האט נאך דער זון געלעבט, און מען האט אים צוגעשריבן פון אומאן אז עס פעלט, האט ער גלייך צוריק געשיקט וויפיל מען האט געוואלט, אן געלט אן גארנישט, און ער האט נאך געהאט די פעסער תכלת פונעם פאטער, און עס האט זיך אוועקגעצויגן א סך, עס וואלט נאך איצטער אויך נאך געווען דערפון, עס איז נעלם געווארן דארטן.

ממילא זינט עס איז געווארן דאס דאזיגע, דערפאר בין איך זיך מתרשל, דערפאר ווייל איך האלט נישט אינגאנצן אז דאס איז תכלת, זיי האבן געפונען עפעס א ווארים, זאגן זיי אז דאס איז תכלת, זיי האבן די סימנים (מי יודע?).

ער (ר' גרשון העניך) איז געווען, איז דאך געווען א גדול, א גדול דער ר' גרשון העניך, ער האט געהאט אויף זיך מתנגדים, אבער ער איז געווען א געוואלדיגער גדול, און צדקות, א גאון עולם איז ער געווען, ער האט אוועקגעגעבן זיינע יארן מיט זיינע טעג, מיט זיינע, געוואלדיג, און ער האט געפונען.

- מיט אלע סימנים און ער האט געוואוסט אז דאס איז א זאך וואס מאכט זיך נישט אלעמאל, האט ער גענומען זייער א סך, געמאכט גאנצע פעסער, איך האב געהערט, א גאנצער קעלער געווען פול מיט פעסער תכלת, עס וואלט געקענט זיין עד ביאת משיח, ער האט געוואוסט אז דאס מאכט זיך נישט אלעמאל, און נישט יעדערער וועט זיין נזהר אין פונקטליכקייט אזוי ווי ער, האט ער געמאכט עס זאל זיין, אבער דאס איז דאך שוין נישטא, נאר וואס דען? דער היינטיגער זאגט - ער האט געפאקט עפעס א ווארים – אז דאס איז אויך אזוי, איך ווייס גארנישט, דערפאר ביז איך זיך מתרשל, נישט דערפאר ווייל דער זאגט, ווען עס זאל טאקע זיין דער בירור אזוי ווי עס איז געווען, אמאל האב איך דאך אלע יארן געטראגן תכלת, איך האב אלע יארן געטראגן תכלת, אבער אז דאס האט זיך געפעלט, די תכלת וואס עס איז געווען פון ר' גרשון העניך איז שוין נישטא.

(השואל: דער רבי האט געזאגט אז ס'וועט קומען א צייט וואס ס'וועט...?) דער רבי האט נישט געזאגט! עס זענען דא רמזים, וואס ר' אברהם ר' נחמן'ס האט דארטן רמזים (רמ"ב: וואס? מגילת סתרים אדער אנדערס?) ער האט געזאגט אז ס'איז דא רמזים פונעם רבי'ן! אבער מער וויים איך נישט.

בשעת ס'איז ארויס די תכלת - תרמ"ח, 'תרח"ם' [עס איז דא א ווארט פון רבי'ן מיט תרח"ם] האט מען געזאגט אז ס'איז דא א ספר 'שפוני טמוני חול', האט ער געזאגט (ר' אברהם ר' נחמן'ס) מיר האבן גרעסערע יסודות ווי דער ספר, אזוי האט ער געזאגט, שוין.

און ער איז אוועקגעפארן צו אים, ער איז געווען אין ראדזין ער זאל זיך זעהן מיט אים, און ער האט זיך טאקע געזעהן מיט אים, דער ר' גרשון העניך האט דערזעהן דאס גאונות פון ר' אברהם ר' נחמן'ס האט ער שוין געזעהן זיין צדקות אויך, האט ער שוין געוואלדיג דערזעהן אז דאס איז דאס עפעס א אנדער סארט מענטש, ער האט געהייסן מאכן דארטן בגדי משי, און ער איז אנטלאפן ביינאכט, ער האט זיך נישט געזעגנט מיט אים, מיר האבן געהאט יסודות אויף תכלת, איך וויים נישט וואס!

געהערט האב איך געהערט אז ס'איז געווען אז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט אז עס זענען דא רמזים פונעם רבי'ן, פון די מגילת סתרים, אבער מיר וויסן נישט!

נאר דאס וואס איך בין זיך מתרשל פון תכלת איז דערפאר ווייל איך האלט נישט... (רמ"ב: איר קלערט אז ס'איז געווארן א שינוי?) אז ס'איז נישט 'דער' חלזון וואס ער האט אפגעזוכט.

(אחד הנוכחים: עס גייט אראפ די פארב אויך! עוד אחד מהנוכחים: און יענע איז אויך אראפ!) ניין, יענע תכלת וואס ער האט געמאכט ר' גרשון העניך איז געווען אלע סימנים געווען, מען האט געוואשן וויפיל מאל, מיט אלע וואשן די תכלת איז נישט אראפ.

(השואל: מיט זייף?) איך וויים נישט, געוויינטליך מען האט זיך געהיט נישט אזוי שטארק צו וואשן, אז מען האט געוואשן פלעגט מען האלטן די ציצית אינדרויסן, מען האט זיך געהיט, כאטש מען האט געוואוסט אז עס איז יא, און איך רעד נישט נאר קעגן די סימנים, בכלל דעם חלזון וואס ער האט אפגעזוכט מיט אזוי פיל יגיעות וואס ער האט געהאט, ער האט דאך געוואלדיגע יגיעות געהאט, ער האט דאך מוסר נפש געווען איינגאנצן זיין

לעבן, און זיי האבן אויף אים אזוי געקריגט די אלע, א געוואלד וואס מען האט אויף אים אויסגערעדט, אזעלכע דיבורים, און וואס האבן זיי געזאגט? נאר עה, עה...

ער שרייבט טאקע אין ספר, "מיט א עה ביסטו עס מדחה אזוי??!" זאגט עפעס, זאגט עפעס!

ער איז א געוואלדיגער מענטש געווען, חוץ פון זיין גאונות, זיין חכמה!

ער האט אויפגעטוהן א זאך, און א טייל וועלט האבן אים אנגענומען, א טייל וועלט נישט, א טייל וועלט נישט, אפילו אונזערע לייט האבן אויך נישט אלע אנגענומען (די תכלת), ר' אברהם ר' נחמן'ס (- יא), ממילא זענען שוין א סך צוגעשטאנען צו ר' אברהם ר' נחמן'ס, אבער רוב וועלט - -

(רמ"ב: אליין פון דעם וואס דער רבי זאגט - ליקו"מ סי' ז': 'עכשיו עיקר הציצית לבן'? אדער -) נישט פון די אלע זאכן, (רמ"ב: מסתם אנדערע האבן נישט געוואוסט פון די מגילת סתרים מיט די אלע זאכן!) געוויינטליך האבן זיי נישט געוואוסט.

דער רב איז נישט געגאנגען קיין תכלת, דער טשעהרינער רב, דער רב איז נפטר געווארן נ"ד, די תכלת איז ארויס תרמ"ח, זעקס יאר פריער, דער רב איז נישט געגאנגען קיין תכלת, נו, ער איז דאך אויך געווען (מהגדולים מאנ"ש) - און שוין - (חסר הסוף).


על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **ישכר בעריש קויפמאן** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת
**נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **יוסף זכריה שווארץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **יואל הכהן הירש** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל שמחת הכנסת בנו
כמר **שמואל דוב הכהן** נ"י
לעול התורה והמצוות

מוה"ר **אברהם רויטנבערג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת הכנסת בנו
כמר **אהרן** נ"י
לעול התורה והמצוות

לעילוי נשמת הרה"ח **ר' יהודא** ב"ר **אברהם** ז"ל **ליכטער** - כ' שבט תשע"ט
נתנדב ע"י בנו מוה"ר **משה ליכטער** הי"ו

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה